בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# שָׁאקְלֶען לוּלָב

**אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר גֶעפוּנֶען שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב אוּם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדְן אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוָה, וָואס מְ'הָאט אִינְזִין בַּיים שָׁאקְלֶען לוּלָב, אוּן וִוי אַזוֹי דָאס קֶען אוּנְז שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ לְחַג הַסוּכּוֹת" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָ"אשׁ זי"ע

**גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ**

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ**

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - וִוילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# שָׁאקְלֶען לוּלָב

## א
## עַל נְטִילַת לוּלָב

אִין יָאר תק״ע, פַאר דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים אִין דִי גֶעגֶנְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶס וֶועט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין אֶתְרוֹגִים אוֹיף סוּכּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד.

בִּיז מַמָּשׁ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס

גֶעצֵיילְטֶע אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אוּן מֶען הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם גָאר אַסַאך גֶעלְט.

אוֹיךְ צוּ דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג, גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק אוּן שְׁפִּילְן, פַאר גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג.

דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס חַיוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן

אֶתְרוֹג, אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶען מֶען זֶען אַז אִידְן לָאזְן זִיךְ קָאסְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג, מֶער וִויפִיל מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אוּן דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ קְלוּג, עֶס אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ פַארְנַארְן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ זֶעט מֶען אַז זֵיי צָאלְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכ״ה).

אַ אִיד קֶען טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ, ״וָואס אִיז שׁוֹין אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין אֶתְרוֹג בֶּענְטְשְׁן? וֶוער דַארְף עֶס? וָואס אִיז עֶס שׁוֹין וֶוערְד?״, דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס שָׁאקְלְט לוּלָב, זָאל עֶר זַיין דֶער פָּשׁוּט׳סְטֶער אִיד, זָאל עֶר הָאבְּן גֶעטוּן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט סֵיי וָואס אוּן וִוי אַזוֹי, וֶוען עֶר נֶעמְט אָבֶּער אִין דִי הֶענְט דִי ד׳ מִינִים, עֶר מַאכְט אַ

בְּרָכָה און עֶר שָׁאקְלְט, דַאן שָׁאקְלְט עֶר מִיט דֶעם אַלֶע וֶועלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תק״ד) ״וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן, און וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן״, סֵיי וִוי אַזוֹי אַ אִיד זָאל נָאר אוֹיסְזֶען, וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, טוּט עֶר אוֹיף מִיט דֶעם גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט אִיבֶּער מַצָה און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז מֶען הַאלְט דִי מַצָה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט״, און דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע מִצְוֹת, וֶוען מֶען הַאלְט דִי לוּלָב און אֶתְרוֹג אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט, און דַאן אִיז דִי

ריכְטִיגֶע עֵת רָצוֹן וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל הָאבְּן.

דֶער אֶתְרוֹג אִיז מְרַמֵז אוֹיפְ׳ן הַארְץ (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל׳, סִימָן י״ד), קֶען מֶען דַאן זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, דָא הַאלְט אִיךְ מַיין הַארְץ אִין מַיין הַאנְט, אִיךְ גֶעב עֶס אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן פַאר דִיר, רֵיינִיג מִיר אוֹיס מַיין הַארְץ אוּן הֶעלְף מִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל מַיין הַארְץ נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, מַיין הַארְץ זָאל נָאר לֶעבְּן מִיט דִיר״.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב׳, סִימָן ד׳) אַז צוּ קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג. דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג, וָואס דָאס הֵיילְט אוֹיס דִי אוֹיגְן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיב אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ

נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג, און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ׳זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קכ״ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא ס״ט:) אַז וֶוען מְ׳הָאט גֶעכַאפְּט און גֶע׳הַרְגְ׳ט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט מֶען דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעכַאפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן נִאוּף, מֶען הָאט אִים אָבֶּער נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶע׳הַרְגְ׳ט, מֶען הָאט אִים נָאר בְּלִינְד גֶעמַאכְט. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דֶערְפַאר זֶעט מֶען בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי קוּקְן אַרָאפּ און הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט

קוּקְן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה גַנְבְ׳עֶנֶען זֵיי אַרוֹיס דִי אוֹיגְן און כַאפְּן יָא אַ שְׁטִיקְל בְּלִיק פוּן דִי זַייט.

לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעכַאפְּט אִין דֶעם, אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָיוֹן דָאס זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, און וֶוען אַ אִיד הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בְּרֶענְגְט דָאס אִים נָאכְדֶעם צוּ פִילֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען. חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י״ב:) ״אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה״, אַלֶע עֲבֵירוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, וַוייל דִי אוֹיג זֶעט, דִי הַארְץ גְלוּסְט, און דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת (עַיֵין טוּר אוֹרַח חַיִים סִימָן א׳). חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא ע״ד:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ו׳, ט׳) ״טוֹב מַרְאֶה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ״, עֶס אִיז עֶרְגֶער דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן און אוֹיף שְׁמוּץ, ווִי דָאס טוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (סַנְהֶדְרִין מ״ה.) ״אֵין יֵצֶר הָרַע

שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת״, דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, הָאט עֶר שׁוֹין גֶע׳הַרְגְ׳ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן קוּקְן שְׁמוּץ, פַּאלְט עֶר נָאכְדֶעם דוּרְךְ מִיט דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִין נָאךְ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער אַז דֶער מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, עֶר קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן נָארְמַאל, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ הָאבְן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן

אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶוערְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט, און עֶר פַּארְלִירְט מַמָשׁ זַיין חֵשֶׁק צוּ לֶעבְּן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נָאר תְּפִלָה, צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם זוּמְפּ און אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, וָואס דָאס אִיז דָאס מֶערְסְטֶע נָאנְט צוּ זַיין הַארְץ און מִיט דֶעם קֶען עֶר דִי בֶּעסְטֶע אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע אֱמֶת׳עֶ גֶעפִילְן פוּן הַארְץ. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״הִתְבּוֹדְדוּת״, אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ און דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְּ, יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מְ'הַאלְט דֶעם אֶתְרוֹג אִין הַאנְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, חֲזַ"ל דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי ד' מִינִים (סוּכָּה ל"ח.) אַז דָאס אִיז וִוי אַ פַּייל אִין דִי "אוֹיגְן" פוּנֶעם שָׂטָן, דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער שָׂטָן כַאפְּט אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ מִיט דִי אוֹיגְן, אוּן דִי ד' מִינִים אִיז מְסוּגָל אוֹיף דֶעם, אוֹיסְצוּשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן פוּנֶעם שָׂטָן, עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קֶענֶען מַכְשִׁיל זַיין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אִיד.

דֶער אֶתְרוֹג דַארְף מֶען אָבֶּער הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן לוּלָב, וַוייל כְּדַאי צוּ רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, דֶער לוּלָב אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַ צַדִיק אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים צ"ב, י"ג) "צַדִיק כַּתָּמָר יִפְרָח", אַז אַ אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל

הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ הַארְץ, דַארְף עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם צַדִיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תר"ה) דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב', י"ג), וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמָךְ", אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט אַ רָשָׁע, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין "אַלֵיין", זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רָשָׁע, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ אָבֶער דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִין אִים אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערְפַאר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן וְ'טַהֵר לִ'בֵּנוּ לְ'עָבְדְךָ בֶּ'אֱמֶת - 'לוּלָב'; אוֹיבּ מֶען וִויל רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ, דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

## ב

## דִי כַּוָונוֹת פוּן דִי נַעֲנוּעִים

מִיט דִי ד׳ מִינִים שָׁאקְלְט מֶען אוֹיף אַלֶע זֶעקְס זַייטְן, דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר הַלּוּלָב פ״ג.) גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת אוֹיף דִי נַעֲנוּעִים, מֶען קֶען אָבֶער זָאגְן אוֹיךְ בְּפַשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת פוּן דִי נַעֲנוּעִים, לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען נֶעמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן.

מִזְרָח מַעֲרִיב - מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְן, אַ טַעַם אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין קַיין שׁוּם זַאךְ, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל.

דֶערְפַאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סֵיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סֵיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין, אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

**דָרוֹם צָפוֹן** - מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, אוּן סֵיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן טוּן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיב וִויל מֶען נָאר רוּחְנִיוּת אָן גַשְׁמִיוּת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אָן

רוּחְנִיוּת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת.

מַעְלָה מַטָּה - מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סַיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ דָא מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו').

דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְן בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב, אַז וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל וֶוענְדְן צוּ אִים. אוּן דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָל בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען דֶעם

לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

## ג

## דִידָן נָצַח – מִיר הָאבְּן גֶעווָאוּנֶען!

אִין תִּיקוּנֵי זֹהַר (תִּיקוּן י״ג, דַף כ״ט.) שְׁטֵייט דֶער עִנְיָן פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וַוייל אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אִין אַ קְרִיג מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע אוּם יוֹם כִּיפּוּר, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וֶוער עֶס הָאט גֶעווָאוּנֶען? נָאר אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ מִלְחָמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעווָאוּנֶען? מֶען זֶעט דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט דֶער הָאט גֶעווָאוּנֶען, דִי זֶעלְבֶּע דָא וֶוען עֶס קוּמְט סוּכּוֹת אוּן דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד׳ מִינִים וָואס

דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעוֶוער, זֶעט מֶען אַז "דִידָן נָצַח" – מִיר הָאבְּן גֶעווּאונֶען.

דַארְף מֶען פַּארְשְׁטֵיין; קוֹדֶם בַּיי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע וֶוער עֶס הָאט גֶעווּאונֶען? מֶען קֶען דָאךְ זֶען וֶוער עֶס הָאט בַּאזִיגְט וֶועם, וֵוייסְט מֶען דָאךְ וֶוער עֶס הָאט גֶעווּאוּנֶען? אוּן צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען פַּארְשְׁטֵיין, דֶער וָואס הָאט גֶעווּאונֶען דִי מִלְחָמָה קֶען דָאךְ שׁוֹין אַרָאפְּלֵייגְן דָאס גֶעוֶוער, פַּארְוָואס זָאגְט עֶר אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, דֶער הָאט גֶעווּאוּנֶען? פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ הַאלְט עֶר נָאךְ דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוִוינֶען, עֶר הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה.

זָאגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה ז', אוֹת נ"ד), אַז בַּיי דִי מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע גֵייט עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע

מִלְחָמָה, דִי מִלְחָמָה אִיז אַ לַאנְג פַארְצוֹיגֶענֶע מִלְחָמָה, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט בַּאזִיגְט דֶעם מֶענְטְש, עֶר הָאט אִים מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעוִוינֶען, וַוייל וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְש שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי מִלְחָמָה, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז עֶר דֶער גֶעוִוינֶער.

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר דֶער גֶעוִוינֶער וֶוען עֶר קֶען בַּאוַוייזְן צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס מוּט, אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְש הַאלְט זִיךְ אָבֶער שְׁטַארְק, אִיז עֶר דֶער גֶעוִוינֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר אָבֶער מִיט דִי צַייט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם תִּיקוּנֵי זֹהַר, וִוי לַאנְג דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד׳ מִינִים, דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, מֵיינְט דָאס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּנֶען, כָאטְשׁ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט זֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעוואוּנֶען, עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעוואוּנֶען וַוייל עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אִיז עֶר בֶּאֱמֶת דֶער גֶעוִוינֶער – ״דִידָן נָצַח״!

וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי גֶעוֶוער פוּן אַ אִיד, וֶועלְכֶע סָארְט כְּלֵי זַיְן דַארְף אַ אִיד הָאבְּן צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה מִיטְ׳ן יֵצֶר הָרַע? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ב׳) אַז דִי גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אוּן פוּן יֶעדְן אִיד אִיז תְּפִלָּה, זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ

וָואס מֶען דַארְף, סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אַ אִיד דַארְף נֶעמֶען זַיין גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, עֶר דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר גֶעוִוינֶען אַלֶע שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר דַארְף פִירְן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמ"ט, ו') "וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם", דָאס מֵיינְט אַז תְּפִלָּה הָאט צְוֵויי חֲלָקִים אִין זִיךְ, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען וִויל נָאךְ בַּאקוּמֶען. עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער אַז עֶר קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב הוֹיבְּט עֶר אָבֶּער אָן טְרַאכְטְן

פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט שׁוֹין גֶעעֶפְנְט זַיין הַארְץ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף נָאךְ הָאבְּן.

וֶוען שָׁאקְלְט מֶען דֶעם לוּלָב בַּיי הַלֵל? זָאגְן חֲזַ״ל (סוּכָּה ל״ז:) אַז מְ׳שָׁאקְלְט אוֹיף צְוֵויי פְּלֶעצֶער, בַּיי ״הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב״ אוּן בַּיי ״אָנָא ה׳ הוֹשִׁיעָא נָא״, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ הָאבְּן דִי פוּלְקָאמֶע גֶעוֶוער צוּ פִירְן דִי מִלְחָמָה, אֵיינְס אִיז דֶער ״הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב״ - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי צְוֵוייטֶע אִיז ״אָנָא ה׳ הוֹשִׁיעָא נָא״ - צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי לַאנְג דֶער אִיד הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען

בַּאזִיגְן. אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק אִיבֶּער אִים, עֶר וֶועט אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועט דֶער אִיד נָאכְאַלְץ אָבֶּער הָאבְּן דִי אוֹיבֶּערְהַאנְט, עֶר וֶועט גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה, ווייל עֶר לֵייגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפּ דִי גֶעוֶוער פוּן הַאנְט. וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר טוּן מִיט אִים, וָואס עֶס זָאל אִים נָאר אִיבֶּערְגֵיין, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זי״ע פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר, אַז פַאר סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ, אוּן עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי אֶתְרוֹגִים

# שָׁאקְלֶען לוּלָב

בִּיז ווילַאנְג עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַן אֶתְרוֹג, נָאכְדֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ נֶעמֶען. אֵיין יָאר הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז מִן הַסְתָּם וֶועט עֶר זַיין דֶער לֶעצְטֶער צוּ קֶענֶען קְלוֹיבְּן אוּן מֶען וֶועט אִים אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אֶתְרוֹג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אֵיין קֶעסְטְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַן אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק פַארְמַאכְט. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער הָאט דָאס שׁוֹין אָנְגֶערִירְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף דֶעם וָואס הָאט עֶס צוּגֶערִירְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אַוַדַאי גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶער אֵיינִיקְל דָאס אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט יֶענֶעם אוּן עֶר הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶוען.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג, וָואס ווִי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט דֶעמָאלְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב טֵיילְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, הָאט עֶר אָבֶּער אוֹיף דֶעם אֵיינִיקְל נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "זֵיידֶע! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין וואוֹיל!". הָאט אִים צַאנְזֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַזוֹי?! דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?! אִיךְ ווִיל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! לָאמִיר בֵּיידֶע זַיין וואוֹיל אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז בֵּיידֶע מוֹחֵל זַיין"...

וֶוען מִיר הַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע ד׳ מִינִים אִין הַאנְט, וֶוען מִיר שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים, לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אִין לֶעבְן, אָפְּלָאזְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז

יֶעצְט, אוּן פוּן יֶעצְט זָאלְן מִיר נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# סֵדֶר נְטִילַת לוּלָב

## אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן פַאר'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל יֶעצְט שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים, דִי אֶתְרוֹג לוּלָב הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אוּנְז בַּאפוֹילְן, ווָאס דָאס ווַייזְט אוֹיף דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל טַאקֶע שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַלֶעמָאל מִיט מִיר בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר, דַיין הֵיילִיגֶער נָאמֶען זָאל אוֹיף מִיר בַּאשִׁיצְן, אַז עֶס זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס צוּ מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אַז דִי מִצְוָה וָואס אִיךְ גֵיי יֶעצְט טוּן צוּ שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים זָאל וֶוערְן גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וְוי אִיךְ וָואלְט עֶס מְקַיֵים גֶעוֶוען מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דִקְדוּקִים וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַזוֹי וְוי אִיךְ וָואלְט אִינְזִין גֶעהַאט אַלֶע כַּוָונוֹת וָואס דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה הָאבְּן אִינְזִין גֶעהַאט בַּיי דֶעם, וַוייל אִיךְ טוּ דָאס נָאר וַוייל אִיךְ וִויל טוּן דַיין וִוילְן, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט מִיר, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אַז דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים זָאל

בְּרֶענְגֶען אוֹיף מִיר אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אוּן בְּרָכוֹת, עֶס זָאל מִיר גוּט זַיין אַלֶעמָאל, סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. בָּרוּךְ יְהֹוָה לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, בִּפְרִי עֵץ הָדָר וְכַפּוֹת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבוֹת וְעַרְבֵי נָחַל אוֹתִיּוֹת שִׁמְךָ הַמְיֻחָד תְּקָרֵב אֶחָד אֶל אֶחָד וְהָיוּ לַאֲחָדִים בְּיָדִי וְלֵידַע אֵיךְ שִׁמְךָ נִקְרָא עָלַי וְיִירְאוּ מִגֶּשֶׁת אֵלַי וּבְנַעֲנוּעִי אוֹתָם תַּשְׁפִּיעַ שֶׁפַע בְּרָכוֹת מִדַּעַת עֶלְיוֹן לִנְוֵה אַפִּרְיוֹן לִמְכוֹן בֵּית אֱלֹהֵינוּ, וּתְהֵא חֲשׁוּבָה לְפָנֶיךָ מִצְוַת אַרְבָּעָה מִינִים אֵלּוּ, כְּאִלּוּ

קִיַּמְתִּיהָ בְּכָל פְּרָטוֹתֶיהָ וְשָׁרָשֶׁיהָ וְתַרְיַ״ג מִצְוֹת הַתְּלוּיִם בָּהּ. כִּי כַוָּנָתִי לְיַחֲדָא שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ לְיַחֵד שֵׁם י״ה בְּו״ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן: בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, שֶׁתְּהֵא חֲשׁוּבָה לְפָנֶיךָ מִצְוַת אַרְבָּעָה מִינִים אֵלּוּ כְּאִלּוּ כִּוַּנְתִּי בְּכָל הַכַּוָּנוֹת שֶׁכִּוְּנוּ בָּהֶם אַנְשֵׁי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה:

# שָׁאקְלֶען לוּלָב

מֶען זָאגְט דִי בְּרָכָה

## בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת לוּלָב:

דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מְ׳שָׁאקְלְט לוּלָב, זָאגְט מֶען אוֹיךְ דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ

## בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

מְ׳שְׁטֵייט מִיטְ׳ן פָּנִים צוּ מִזְרָח אוּן מְ׳שָׁאקְלְט אוֹיף רֶעכְטְס, לִינְקְס, פָאֶרְנְט, אַרוֹיף, אַרָאפּ, אוּן פוּן הוּנְטְן.

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**